# כבוד בית המדרש

## בשעת'ן דאווענען, רעדן מיר בלויז צום רבוש"ע

גליון

ב'

דאס האט פאסירט סוף חודש אלול תש"ע. ארום עלף אזייגער ביינאכט, איז ר' משה מ. צוזאמען מיט זיין פרוי געפארן אין דער טונקעלער גאס וואס שלענגט זיך אויפ'ן וועג צום שטעטל "מעלה אפרים" אין דער געגנט פון "בקעת הירדן" וואו זיי וואוינען אין די לעצטערע יארן. אן אראבישע אויטא וואס איז געפארן הינטער זיי זייער ווילד האט סאגנאליזירט אז זיי זאלן זיך רוקן מער צו דער זייט כדי צו קענען זיי אויסכאפן. ביי דער ערשטער געלעגנהייט האט ר' משה גערוקט צו דער זייט, ווען אין הארץ דאנקט ער דעם אויבערשטן אז ער האט אים נישט באשאפן אזוי ווי די ווילדע ברואים וואס שטעלן איין זייער לעבן און די לעבנס פון אנדערע נאר כדי צו פארדינען עטליכע מינוט אויפ'ן וועג.

די אראבישע אויטא האט זיי אויסגעכאפט, אבער אנשטאט פארן ווייטער האט זי זיך ווילדערהייט אפגעשטעלט און זיי פארמאכט דעם וועג אז זיי זאלן נישט קענען פארן ווייטער. פון יענער מינוט האט אלעס גאר שנעל פאסירט.

דער אראבישער טעראריסט איז ארויס פון זיין אויטא מיט אן אויסגעצילטן רעוואלווער אין האנט, און פון גאר נאנט אנגעהויבן שיסן אויף דער אויטא פון ר' משה און זיין פרוי. נישט ווייניגער פון זיבעצן קוילן האט ער אויסגעשאסן אין זייער ריכטונג. דא האט פאסירט א מורא'דיגע נס. קיין איין שאס האט נישט געטראפן אין ציל, אויסער איין קויל וואס איז אריין אין ר' משה'ס פוס. דער טעראריסט, ווארשיינליך איבערראשט פון זיין דורכפאל, איז שנעל געלאפן צו זיין אויטא צוריק אנלאדענען דעם רעוואלווער.

ר' משה האט אויסגענוצט די מינוט און מיט א פלינקער באוועגונג האט ער ארויסגעראטעוועט זיין פרוי פון דער געלעכערטער אויטא, און מיט זיין פארוואונדעטן פוס איילונדיג אראפגעלאפן צוזאמען מיט איר דעם שטיינערנעם מסוכנ'דיגן וועג אראפ, **דרייסיג מעטער טיף**, ביי דער זייט פונעם שאסיי. כאפנדיג א בליק אויף צוריק, האבן זיי געזען ווי דער טעראריסט איז צוריקגעקומען מיט נאך צוויי פריינט און זוך דערנענטערט צו זיין אויטא. זיי זענען ווייטער אראפגעלאפן אין דער פינסטער דעם געדרייטן וועג וואס איז געווען פול מיט שטרויכלונגען. אזוי לויפענדיג, זענען זיי געפאלן און אנגעהויבן זיך קוילערן אויף די שטיינער, ווערנדיג צעקלאפט פון די פעלדזן און צעשטאכן פון די דערנער, ווען ר' משה פארלירט אסאך בלוט פון זיין געשעדיגטן פוס.

ענדליך האבן זיי זיך געטראפן ליגן גאנץ אונטן אויף דער הארטער ערד. ר' משה האט תיכף ארויסגענומען זיין סעלפאן, וואס צו זיין גרויס מזל איז עס נישט ארויסגעפאלן פון זיין טאש, און האט גערופן "הצלה". ביז עטליכע מינוט זענען געווען גרויסע רעטונגס-כוחות אין דער ארומיגער געגנט. נאך א שטיק צייט זוכן, האבן זיי געטראפן ר' משה מיט זיין פרוי ליגן טיף אונטן. מיט גרויס מי האט מען באוויזן זיי ארויפצוברענגען און פארבאנדאזשירן זייערע וואונדן. אין דער זעלבער צייט האט די פאליציי אנגעהויבן נאכיאגן די טעראריסטן.

ווען מען האט געכאפט די טעראריסטן א צייט שפעטער און זיי גענומען אויף אויספארשונגען, האבן זיי דערציילט אז אין לויף פון א לאנגער צייט האבן זיי זיך געלערנט צו קענען אדורכפירן אזא טעראר אטאקע, און זיי זענען געווען אזוי זיכער אין זייער הצלחה, אז זיי האבן שוין פון פריער געגראבן א גרוב צו באגראבן דארט זייערע קרבנות נאכ'ן זיי אומברענגען. צו זייער גרויס איבערראשונג האבן זיי אבער נישט געקענט אויספירן זייערע גרויזאמע פלענער.

איין זאך איז אבער געבליבן אומפארשטענדליך. די פאליציאניאנטן האבן נישט געקענט פארשטיין, ווי אזוי

זיי האבן געקענט ארויסרופן פון זייער סעלפאן אין די טיפענישן פונעם תהום, דרייסיג מעטער טיף אונטער דער ערד, אויף א פלאץ וואס אפילו אויבן אויף דער גאס איז דער סעלפאן סערוויס געווען פראבלעמאטיש. נאכמער: נאכדעם וואס ר' משה און זיין פרוי האבן גערופן הילף, האט זייער סעלפאן מער נישט געארבעט, און אויך די "הצלה"-כוחות האבן נישט געקענט קאמוניקירן דארט מיט זייערע סעלפאונען, וואס האבן נישט געוויזן קיין צייכן פון קיין סערוויס.

ארום א האלבע יאר נאך דער געשעעניש, ווען זיין פוס האט זיך שוין געהאט אויסגעהיילט, האט ר' משה אפגעראכטן א גרויסע סעודת הודאה. ער האט געהאלטן א דרשה צו די פארזאמלטע און געשילדערט מיט גרויס התרגשות די קייט פון אפענע ניסים וואס האט געפירט צו זייער הצלה. דער בעל הנס האט נישט פארגעסן צו דערמאנען דעם גרויסן וואונדער, אז עס איז אים געלונגען ארויסצורופן פון זיין סעלפאן אויף א פלאץ וואו עס איז אינגאנצען נישטא קיין סערוויס.

דער קומענדיגער רעדנער איז געווען איינער פון די רבנים אין דער ישיבה וואו ר' משה לערנט פאר א שיעור. ער האט איבערראשט אלע אנוועזנדע, זאגנדיג אז ער האט א לאגישן ענטפער צו עקלערן די רעטעניש פון דעם סעלפאן וואס האט געארבעט טיף אין דער ערד: ער האט דערמאנט ר' משה'ן אז ארום צען יאר צרוק, ווען ער האט צום ערשטן מאל געקויפט א סעלפאן, האט ער זיך אויסגערעדט פאר זיינע חברים אז ער ציטערט זייער שטארק פון דעם "יצר הרע" – ווי ער האט עס אנגערופן – וואס ער טראגט אין טאש, און **דערפאר האט ער באשלאסן אז ער וועט קיינמאל נישט אריינגיין אין שול ווען דער סעלפאן ליגט אין זיין טאש, אפילו ווען עס איז פארלאשן**, ווייל עס שטערט די נארמאלע אויפפירונג וואס פאסט זיך אין שול און עס האלט אפ דעם מענטש צו קענען מקיים זיין ווי עס דארף צו זיין דעם חוב פון "ומקדשי תיראו".

ר'משה האט דעמאלט ערקערט, אז דער אנגעצודענער סעלפאן וואס ליגט אין טאש שטערט שטארק צו לימוד התורה, ווייל עס קען זייער שנעל צוברעכן אז דאס לערנען זאל ווערן "קרעים קרעים", און אזוי אויך איז עס דער גרסטער שטער צום דאווענען, און עס איז נישט לאגיש אז א מענטש זאל בעטן "שמע קולנו... וקבל ברחמים וברצון את תפלתנו", ווען דער סעלפאן קלינגט אין טאש, אדער איז אנגעשטעלט אז ס'זאל נאר "דריזלען".

די גוטע קבלה פון ר' משה – האט דער בעל דרשן ווייטער דערציילט – האט געברענגט א געוואלדיגן חיזוק אין בית המדרש, און פיל האבן באשלאסן אים נאכצוטון, און אין זיין זכות **איז די שול געווארן "ריין" פון סעלפאנען ביים לערנען און ביים דאווענען**. אויב אזוי, איז נישט קיין וואונדער, אז פאר אזא מענטש האט דער אויבערשטער צוריקגעצאלט מדה כנגד מדה, און דער סעלפאן האט געארבעט דארט אויפ'ן ריכטיגן פלאץ און אין דער ריכטיגער צייט וואס עס האט געדארפט ארבעטן און געראטעוועט אים און זיין פרוי פון א שרעקליכן אומגליק.

פאר הערות אדער זיך משתתף זיין מיט די הצאות ביטע אימעילן צו

kuvidbaishamadrish@gmail.com

אדער צו מנדב זיין צו עס קענען פארשפרייטן לזכות הרבום